אזוי איז אלע ענינים וואס ריידן זיך אין דער
פרשה, און אזוי איז אויך דער ענין פון ויקה ה"א את
האדם ויניחהו גו׳.

(כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר את המאמר ד"ה ויקח ה"א).

ה. פאר דעם וואס עס שטייט ויעקב הלך לדרכו, וואס
דאס גייט אויף נאך שמח"ת שטייט פריער, וינשק (לבן)
לבניו ולבנותיו, און נאך דעם שטייט ויעקב הלך לדרכו
ויפגעו בו מלאכי אלקים גו׳ ויקרא שם המקום ההוא
מחנים – צוויי מחנות, א מחנה פון חו"ל און א מחנה
פון א"י, ווייל דאס איז געווען אויף דעם גרעניץ פון
א"י.

ו. דער ביאור אין דעם איז:

די טענות לקח יעקב את כל אשר לאבינו גו׳ און
הבנים בני והבנות בנותי, וויבאלד אז יעקב האט אויף
דעם גאר ניט געענטפערט איז א ראי׳ אז בשרש איז דאס
גערעכטע טענות און דערפאר האט יעקב אויף דעם גאר ניט
געענטפערט.

אויף דעם פסוק הידעתם את לבן בן נחור ויאמרו
ידענו, שטייט אין מדרש, אז לבן מיינט, דער וואס איז
מלבין עוונותיהם של ישראל, און דאס איז הידעתם את
לבן – הידעתם את מי שמלבין עוונותיהם של ישראל.

און דאס איז וואס לבן האט גע׳טענה׳ט הבנים בני
והבנות בנותי, ומאשר לאבינו עשה את כל החיל הזה, ד.ה.
אז אלע ענינים וואס יעקב האט געהאט איז דאס בעזר
וסיוע מלמעלה.

ז. דער טעם וואס לבן איז נאכגעלאפן יעקב׳ן שטייט
בשם הבעש"ט – אמאל שטייט בשם המגיד – אז לבן האט
ניט געקאנט סובל זיין די ניצוצות די אותיות התורה
וואס ריידן זיך וועגן לבן׳ן, דערפאר איז ער נאכגע-
לאפן יעקב׳ן, אפגעבען דאס איהם, און דורך דעם איז
ניתוסף געווארען א גאנצע פרשה אין דער תורה.

און דורך דעם וואס לבן איז איהם נאכגעלאפן
און איהם אפגעגעבען זיינע ענינים, אזוינע הויכע
ענינים וואס יעקב האט זיך אויף זיי גאר ניט גערעכט
אדרבה ער איז אנטלאפען פון איהם, דאס האט געגעבען
א כח, עס זאל קענען זיין דער ויעקב הלך לדרכו.

ח. אין מצות איז פראנען ענינים וואס קומען ברצון
דוקא און פראנען ענינים וואס קומען בהיסח הדעת, דוקא,
אזוי ווי די דוגמאות וואס קומען ווייטער.

די מצוה פון שכחה מוז קומען בהיסח הדעת דוקא
ניט ברצון, ווארום דאן איז דאס קיין שכחה ניט, נאר
עס קומט בהיסח הדעת, אויב ער האט זיך פארגעסען דארף
ער מקיים זיין מצות שכחה.

עפ"י תורה דארף מען ניט פארגעסען, אדרבה מען
דארף היטען און אכטונג-געבען אויף די נכסים, ווי עס
שטייט, צדיקים חביב עליהם ממונם יותר מגופם.

– דער טעם אין דעם איז ווײלע דאס איז דאך

נכסים וואס דער אויבערשטער האט איהם געגעבען אויף מברר זיין זיי, במילא דארף ער אויף זיי אכטונג-געבען און היטען זיי, ווארום ווי זאל ער ניט אכטונג-געבען און היטען אזא זאך וואס צוליב דעם איז ארויפגעקומען זיין נשמה אויף דער וועלט -

און ווען עס מאכט זיך אז ער האט פארגעסען, דאן איז פאראנען די מצוה וואס ער דארף מקיים זיין.

אזוי איז אויך אז דדקא הבורח מן הכבוד, און בורח באמת, וואס תורה זאגט אויף איהם בורח, איז הכבוד רודף אחריו און מען גיט איהם א מינוי בישראל ווייל מען זהעט אז דאס איז זיין ארבעט און דאס איז זיין ענין.

ט. און אזוי איז אויך די ניצוצות וואס יעקב האט גענומען בא לבן׳ען אז (מצד גודל מעלתם) האבען זיי געמוזט קומען אומגעריכטערהייט, און דורך די ניצוצות די אותיות התורה וואס ער האט איהם אפגעגעבען, אויך דורך דעם וואס ער האט איהם מגלה געווען אז הבנים בני והבנות בנותי, ד.ה. אז אלעס קומט בעזר וסיוע מלמעלה, איז די אלע גילוים האבען געגעבען דעם כח, עס זאל קענען זיין ויעקב הלך לדרכו, אז הגם כל הדרכים בחזקת סכנה, פונדעסטוועגען זאל זיין ויעקב הלך לדרכו.

און דאס איז אויך וואס נאך דעם ויעקב הלך לדרכו שטייט, ויפגעו בו מלאכי אלקים, מלאכי א"י, איז די גילוים וואס ער האט גענומען בא לבן׳ען האט עס איהם געגעבען כח עס זאל זיין דער ויעקב הלך לדרכו, און הגם הלך לדרכו ער גייט אוועק פון לבן׳ען, פונדעסטוועגען איז ער אויף דעם גרעניץ פון א"י, אז ווי ער גיט זיך נאר א קער, איז ער שוין אין א"י, ער מיט די בירורים צוזאמען.

און דאס איז וואס עס שטייט אז דורך דעם וואס וישלח יעקב מלאכים גו׳, ער האט זיך ניט פארלאזט אויף דעם עזר שמלמעלה, דערמיט האט ער אפגעהאלטען די גאולה, אבער ווען ניט דעם עזר שמלמעלה, וואלט ער שוין ליינג זיין אין א"י.

י. אזוי איז אויך בכאו"א, וואס נאך שמה"ת הייבט זיך אן דער ויעקב הלך לדרכו, טראכט ער דאך בא זיך, ווי וועט ער אויסקומען אזוי פיל צייט, א גאנצען יאהר ביז עס וועט קומען נאכאמאל שמח"ת - בכלל א האלבע יאהר ביז א יב"ט און א גאנץ יאהר ביז שמח"ת - וואס דאן וועט ער ווייטער האבען א לעבעדיקייט און א פריילעכקייט,

אויף דעם זאגט מען אז הגם ויעקב הלך לדרכו, ער גייט אוועק פונדעסטוועגען איז ער אויף דעם גרעניץ פון א"י, און מיט איין קער, ד.ה. בשעתא חדא וברגעא חדא, קען ער קומען אין א"י, ווי דער אלטער רבי האט געזאגט אז יעדער איד קען אראפברייגען משיח׳ן, בא זיך דורך דעם וואס ער וועט מגלה זיין פנימיות הלב, און אז אלע אידן וועלן מגלה זיין זייער פנימיות הלב, וועט מען ברייגען משיח׳ן, און דאס מיט איין קער בשעתא חדא וברגעא חדא.

יא. אזוי ווי ביי יעקב׳ן איז דער כח אויף דעם ויעקב הלך לדרכו האט ער גענומען בא לבן׳ען, אזוי איז בא יעדער איינעם, דער כח אויף דעם ויעקב הלך לדרכו נאך שמח"ת, באקומט ער דאס

יוהכ"פ – בחי' לבן, זיין עצמי, ד.ה. דער פארבונד פון עצם הנשמה מיט עצמות ומהות א"ס ב"ה.

דערפאר איז אויך די עבודת יוהכ"פ געווען בבגדי לבן און א רושם פון דעם איז געבליבען אייך בזמן הגלות, וואס מנהגם של ישראל – וואס מנהג ישראל תורה – צו אנטאן יוהכ"פ בגדי לבן – קיטלען.

און דורך דער תשובה פון יוהכ"פ, וואס אויך ר"ה עשי"ת איז געווען מערניט ווי א תשובה מיראה, איז אבער בחגה"ס ושמח"ת, – התחלת ההמשכה והתגלות א תשובה מאהבה וואס ראס גיט א כח אויף דעם ויעקב הלך לדרכו, אז הגם הלך לדרכו, פונדעסטוועגען געפינט ער זיך אויף דעם גערניץ פון א"י און מיט איין קער, איז ער אין א"י,

אזוי ווי עס איז פראנען אין אגה"ת דער טעם אויף דעם וואס באלד נאך ברכת סלח לנו זאגט מען גואל ישראל, ווייל אם לא היינו חוזרים וחוטאים היינו נגאלין מיד, ווייל דער אויבערשטער האט סולח געווען, מער ניט וואס עס פעלט תשובה, וואס דערפאר איז פאר ברכת סלח לנו זאגט מען השיבנו, און ווען עס איז פראנען תשובה, דאן איז טאקע גואל ישראל און עס דארף ניט זיין אויף דעם קיין ריבוי אריכות, ווארום באלד נאך השיבנו זאגט מען סלח לנו און גואל ישראל, ע.ה. מיט איין קער קען מען קומען אין א"י.

יב. אזוי ווי בא יעקב'ן איז דורך דעם וואס וישלח יעקב מלאכים גו' ד.ה. דורך דעם וואס ער האט זיך ניט פארלאזט אויף די כחות מלמעלה נאר וישלח גו' האט ער מעכב געווען די גאולה.

אזוי איז יעדער איינער, אין דער עבודה פון ויעקב הלך לדרכו, דארף ער וויסען אז ניט קוקענדיק אז ס'איז מערניט ווי יעקב יו"ד עקב און ס'איז הלך לדרכו, אבער

– די עבודה איז דוקא אין דעם ויעקב הלך לדרכו, אזוי ווי מען האט גערעדט (אין מאמר) אז דער טעם וואס אדה"ר איז געווען נידון בגרושין איז ווייל די עבודת הבירורים האט ער געקענט מפטאן דוקא חוץ לג"ע, אזוי איז אויך אז עבודת הבירורים קען זיך אויפטאן אין דעם ויעקב הלך לדרכו דוקא, ד.ה. בזמן הגלות –

פונדעסטוועגען געפינט ער זיך אויף דעם גרעניץ פון א"י, און ער דארף זיין זיכער אז ער קען ברענגען משיח'ן בא זיך, דורך דעם וואס ער וועט מגלה זיין בא זיך זיין פנימיות הלב און אזוי וועלען טאן אלע אידן, וואס דאן וועט מען ברענגען משיח'ן בפועל ממש.

יג. דער כח אויף דעם ויעקב הלך לדרכו איז דאס וואס ער זאגט פאר די ווערטער ויעקב הלך לדרכו – וינשק (לבן) לבניו ולבנותיו, ד.ה. אזא אהבה עצמית וואס זאגט זיך ניט אוים אין דיבור, אפילו אין אותיות שבחורה, נאר בבחי' נשיקין דוקא, בחי' הבלים – הגם אז הבלים קומען אראפ מער בהגשמה ווי אותיות הדיבור, פונדעסטווע-גען איז עצמות זאגט זיך אוים אין הבלים דוקא – וואס



הנחה בלתי מוגה

דאס גיט א כח אז אויך אין דעם ויעקב הלך לדרכו, געפינט ער זיך אויף דעם גרעניץ פון א"י און מיט איין קער קאן ער ברייגנען משיח׳ן.

יד. די אלע וואס פארן אוועק נאך שבת - ניט אום שבת גערעדט - זאלן מיטנעמען צדה לדרך.

(כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להם לאמר לחיים).

טו. עס איז פראנען דעם רבי׳נס (מהורש"ב) נ"ע א מאמר, כי נער ישראל ואוהבהו, דער מאמר האט זיך אים געלייגט. ד.ה. אז ער האט דעם מאמר ניט צוגעגרייט פריער, נאר בעת מעשה האט זיך בא אים אזוי געלייגט.

אין דער מאמר רעדט ער וועגן דעם וואס כל אהבה חוזרת אל האוהב און ער זאגט אז אויך אהבת האב אל הבן וואס דאס איז א אהבה עצמית, איז אויך די אהבה חוזרת אל האוהב. די ראי׳ איז, וואדום דעם צווייטנס א בן האט ער ניט האלט, ער האט האלט נאר זיינעם א בן, און וויבאלד אז אהבת האב אל הבן איז ווייל ער איז זיינער א בן, הייסט דאס אז די אהבה איז חוזרת אל האוהב.

דאגעגען די אהבה צו א קינד, וואס טבע האדם איז אז מען האט האלט אויך א צווייטנס קינד, הייסט דאך דאס אז אין דער אהבה איז דער אוהב גאר ניט נוגע, מער ניט ווי דער אהוב, דאס איז א אהבה שאינה חוזרת אל האוהב.

און דאס איז כי נער ישראל ואוהבהו, אז די אמיתית האהבה איז דוקא אין דעם ענין פון כי נער ישראל, וואס דאס איז וואס ער זאגט כי נער ישראל - ואוהבהו.

טז. אין עניני גדלות איז פראנען ענינים וואס יעדער איינער קאן זיך אין זיי אריין שטעלען, אזוי ווי דער ענין פון ארבעטן חוה"מ, קאן יעדער איינער זאגען ת"ח אני און ניט ארבעטן, אבער עס איז פראנען ענינים וואס אויף זיי שטייט אז לא כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול אדער אז ס׳איז מחזי כיוהרא, ווייל אין עניני גדלות, איז ניט אין אלץ קאן זיך יעדער איינער אריינשטעלען.

אין עניני קטנות אבער, איז אלע מאל קאן זיך יעדער איינער אריינשטעלען אויך דארף מען ניט האבען קיין ריבוי התבוננות וחשבונות אויף אריינשטעלען זיך אין עניני קטנות, וואס דאן איז פראנען די אהבה פון כי נער ישראל ואוהבהו.



- יז. אויך -